# צום פינטל

גליון קנט

מקץ–חנוכה – יודיש

## ◆ ——פרשה—— ◆

## הארמאניע (harmony) צווישן די אכט לעכט

א יוד באטרייכט די הערליכע בריאה פונעם אייבירשטן, ער מיינט אז ער זעט זאכן, חפצים, מענטשן, אבער באמת טיף געזאגט זעט מען בעיקר די לופט וואס איז אינצווישן אלעס, די 'הארמאניע' (הרמוניה–harmony), די קשרים צווישן זאכן, די 'קאנעקשענס' צווישן פארשידענע פארקערטע זאכן.

שיינקייט, יופי, קומט נישט ארויס פון דעם וואס יעדער חלק איז דומה צום אנדערן, נאר פון דעם וואס יעדער חלק איז פארקערט פונעם אנדערן, און זיי געהערן צוזאמען צו איין גאנצקייט, צו איין שלמות.

'הארמאניע' (הרמוניה–harmony) איז נישט סתם א פארגלייך; נאר א צוזאמפלוס פון פארקערטע זאכן וואס פליסן זיך צוזאם ווי איינס. פארשידענע עלעמענטן וואס באקומען צוזאמען איין שטראם. ווערן א טייל פונעם אחדות, א טייל פונעם שיינקייט.



באטראכט אביסל א קאפעליע (קווייער – choir) מיט זיינע פארשידענע קולות. באטראכט פאר א מינוט דעם גוף מיט אירע פארשידענע אנדערע אברים. באטראכט א שמועס אדער א דרשה, ווי די ווערטער מיט די שטילקייטן קומען זיך צוזאם צו פארעמען איין הארמעני. א אמת'ע הארמאניע קומט ארויס פון פילע זאכן, וואס ווערן נישט בטל צום כלל נאר פאראייניגט.

דער יסוד העלפט אונז פארשטיין די מצוה פון חנוכה ליכט און אירע הידורים: "נר איש וביתו", א ליכטל פאר יעדער מענטש און זיין הויזגעזינד. איין מצוה, איין ליכט, אין איין שטוב. יעדער נאכט טוט מען די זעלבע מצוה, אלע אכט טעג די זעלבע דרגה.

ביי מהדרין איז די הלכה אז יעדער איינער פון די משפחה צינדט אן זיין אייגענע ליכט. דאס זענען נישט באזונדערע הדלקות אין באזונדערע הייזער; אלע זענען אין איין הויז, אין איין שטוב אפילו. נאר, יעדער האט זיין פלאץ, יעדער ליכטל שיינט פון זיין אייגענעם ארט. איין גרויסע פלאץ, מיט א פילצאליגע פריוואטע פלעצער. עס איז די זעלבע שטוב, אבער יעצט איז עס צוטיילט אויף פארשידענע פלעצער, און זיי האבן א פנימיות'דיגע פארבינדונג, א הארמאניע — א שטוב מיט א סך פלעצער.

און די מהדרין מן המהדרין טוט די זעלבע זאך מיטן 'זמן', מהדרין מן המהדרין ברענגט אריין א הארמאניע אינעם זמן. מ'נעמט דעם יום טוב חנוכה וואס איז איין גרויסע מציאות, און מ'צוטיילט עס אויף אכט חלקים און מ'ציילט. מ'ציילט אויף ארויף אדער אויף אראפ, דאס געבט אריין א הארמאניע. איין ליכטעל איז בעצם גענוג מן הדין, אבער דעמאלטס זענען אלע טעג די זעלבע, ס'איז נישט דא קיין הארמאניע, אבער ווען מ'טוט ווי די מהדרין איז עס ווי איינס אבער מיט אכט באזונדערע סטאנציעס. טאג נאך טאג. נאכט נאך נאכט. יעדער טאג שטייט ווי פאר זיך אליין, און דאך געהערן זיי אלע צו איין גאנצע יום טוב.

בית שמאי זאגט: אויפ'ן ערשטן טאג צינדט מען אכט ליכט און מ'גייט אראפ. בית הלל זאגט: אויפ'ן ערשטן טאג צינדט

מען איין ליכט, און מ'גייט ארויף. דאס איז א יסודות'דיגע מחלוקת אין הארמאניע, וועלכע וועג וועט שטערקער ארויס ברענגען די הארמאניע פונעם יום טוב, צוטיילט אויף אכט טעג.

בית שמאי האלט אז צוריק צו וועגס האט א שטערקערע הארמאניע, מ'פאנגט אן מיט די גאנצע, נאכדעם טיילסטו אפ, אויף צוריק. בית הלל האלט אז מוסיף זיין ברענגט ארויס א שטערקערע הארמאניע, מ'הייבט אן מיט ווייניג, און יעדן טאג לייגט מען צו א נייע ליכט וואס איז פריער נישט געווען.

די אכט טעג פון חנוכה זענען איין מציאות, אבער נישט קיין פלאכע אחדות. זיי האבן א אנהויב, א המשך, און א סוף. יעדער טאג האט זיין אייגענע ראלע, זיין אייגענע כלי, זיין אייגענע כאראקטער. און נאר דורך דורכגיין אלע טעג כסדר קומט ארויס א געפיל פון גאנצקייט, א גאנצקייט פון אלע שטיקלעך צוזאמען.

דאס ליכט פון דעם פינפטן טאג איז נישט ווי דאס ליכט פון דעם ערשטן טאג. די ליכטל פון דער זיבעטער נאכט איז נישט ווי די פון דער צווייטער נאכט. די חילוקים שאפן די הארמאניע. וואס מער מען לייגט צו, אלץ רייכער, טיפער, און פולער ווערט דאס גאנצע.

פון דעם, קומט ארויס א טיפער יסוד אין פארשטיין צייט און 'זמן' בכלל. זמן האט אין זיך צוויי באוועגונגען אויף איינמאל. די באוועגונג פון די פרטים—וואו יעדער טאג איז א באזונדערע מציאות פאר זיך. און די באוועגונג פון די כללים—וואו אלע טעג פליסן אריין אין איין המשך, מיט אן אנהייב, מיטן, און סוף, אזוי פירן די טעג אריין אין גאנצע וואכן, נאכדעם אין חדשים, און נאכדעם אין יארן. צון זען די גאנצע בילד דארף מען האבן ביידע, די גאנצע הארמאניע וואס איז צווישן זיי.

אזוי איז אויך מיט יעדע זאך. למשל רעדן אדער שרייבן. נישט נאר ווערטער שאפן א באדייט, נאר אויך די הפסקות צווישן די ווערטער. עס איז נישט שייך א ווארט אן פלאץ צווישן די אותיות און ווערטער, יעדער סארט הפסק האט א אנדערע באדייט. צומאל קען די שטילקייט טראגן די הויפט מעסעדזש. אזוי איז אויך מיט ניגונים. נישט נאר די נאטן זענען וויכטיג, נאר אויך די שטילקייט צווישן איין נאטן און די אנדערע. שטילקייט איז נישט קיין העדר, נאר א טייל פון די ניגון אליין.

אזוי איז מיט יעדער זאך ממש. למשל א הויז. א הויז באשטייט נישט נאר פון ווענט, נאר אויך פון די פלאץ וואס אי זצווישן זיי. די צימערן זענען באזונדער, אבער די דורכגענג פארבינדן זיי. דער דורכגאנג אליין איז א טייל פון דעם בנין.

און אזוי איז עס מיט די גאנצע לעבן פונעם מענטש. א מענטש איז נישט איין גלאטיגע המשך, נאר א פילע לעבן מיט מאמענטן, מצבים, ארויפ'ס און אראפס. ווען מען זעט דאס לעבן נאר ווי צוריסענע פרטים, ווערט מען צעמישט. און ווען מען פראבירט ארויפצוצווינגען א טרוקענע כלל אן אויסהערן די פרטים, צעברעכט מען זיך. אבער ווען מען לערנט זיך צו זען דאס לעבן ווי א ניגון, מיט טאקט, מיט טריט, מיט שטילקייט – הייבט מען אן צו שפירן א גאנצקייט, א שיינקייט פון הארמאניע.

די אכט טעג פון חנוכה לערנען דאס טיף אויס. יעדער טאג איז וויכטיג. יעדער טאג איז נויטיג. קיין איין טאג איז נישט איבעריג. און ווען דער אכטער טאג קומט אן, ווערט קלאר למפרע אז אלע פריערדיגע טעג זענען נישט געווען צופעליג, נאר א הכנה. דער אכטער טאג איז נישט נאך א טאג, נאר דער נקודה. דער שפיץ פון די רייזע און איר אנהייב, אלעס אין איינעם.

”זאת חנוכה”. ”דאס” איז דער ספעציפישער טאג. אלעס ווערט צונויפגעזאמלט, אלעס באקומט א פארעם. א חותם וואס געבט פאר יעדן טאג זיין פלאץ.

א איד זיצט פאר די ליכטלעך, עפנט זיין הארץ, זעט אכט ליכטלעך—און שפירט איין ליכט. זעט באזונדערע טעג—און הערט איין ניגון. און פון דעם, לערנט ער זיך צו קוקן אויף זיין אייגענע לעבן אזוי: ווי א לעבעדיגע רייזע, מיט כללים און פרטים, ס'איז דא א אנהייב און א המשך, ליכטיגקייט און שטילקייט.

דאס איז די טיפקייט פון די אכט טעג פון חנוכה. אכט וואס זענען באזונדער, אכט וואס זענען פארבינדן צוזאמען ווי און איין ליכט.

# דער חנוכה־אווענט ביים זיידן

ס'איז געווען דער דריטער טאג חנוכה, דער זייגער קלאפט שוין זעקסע אין אווענט. ביי די בראכפעלדס האט שוין יעדער משפחה געצינדען זייערע מנורות, יעדער ביי זיך, פארברענגט א האלבע שעה א שעה, ביי די הייליגע לעכטלעך. ס'איז שוין נאכטמאל צייט, יעדער איז שוין אביסל הונגעריג.

די נאכט עסן איז נישט קיין פשוטע נאכטמאל, די נאכט קומט מען זיך צוזאם ביים זיידנ'ס גרויסע הויז, די הויז וואו עלף קינדער זענען אויפגעוואקסן, יעצט, ברוך השם, רעכנט די משפחה אריין ערוואקסענע אייניקלעך, מענער פרויען, קליינע קינדער וואס לויפן צווישן די פיס.

דאס הויז איז נישט ניי, אבער עס האט א ברייטקייט, אפענע צימערן, ברייטע טירן פון איין צימער צום צווייטן.

צוויי וואכן פאר חנוכה, איז שוין די באבע געזעצן מיט איר נאטיץ-ביכל – נישט קיין נייע, יענע זעלבע אלטע ביכל וואס נאר זי האט פארשטאנען אירע סימנים און קאטשקערייען. די באבע האט פארצייכנט, צוטיילט די הויז: דער צימער פאר די קליינע אייניקלעך, פארשידענע שפילערייען זיי צו האלטן ביזי; דער צימער פאר די פרויען און מיידלעך; און אין די גרויסע דיינינג ראום – וואו דער זיידע וועט זיצן באקוועם מיט זיינע זין און די יונגעלייט, פונקט ווי אלע יארן.



די משפחות האבן זיך איינגעטיילט. איינער האט גענומען אויף זיך די קוגל, א צווייטער די לאטקעס, איינער האט געברענגט א טשיז קעיק, און א צווייטער די געטראנקען. אין א זייטיגן צימער האט מען אויפגעשטעלט א גרויסן טיש פאר אלע מאכלים, צוגעדעקט מיט א חנוכה פלעסטיק, פונקט ווי אלע יארן.

ארום זיבן-דרייסיג, זענען אלע שוין געווען אנגעקומען. יעדע משפחה מיט זייערע קינדער, אלע גוט הונגעריג. דאס הויז האט זיך אנגעפילט מיט קולות, ריחות, ווארעמקייט. דער זיידע איז געזעסן אין צענטער פונעם דיינינג ראום, זיין פנים האט געשיינט ווי דאס חנוכה ליכט אליין. יעדער האט זיך באדינט מיט די געשמאקע עסן פון דעם זייטיגן צימער, זיך געזעצט צום עסן, און הנאה געהאט.

אינמיטן די סעודה, איז איין פעטער ארויס פון הויז. זיינע קינדער האבן נאכגעשריגן, "טאטי, וואו גייסטו?" "קומטס מיט מיר" האט ער געזאגט. נאך פופצען מינוט, איז ער צוריקגעקומען מיט פרישע דונאטס, שמעקנדיג פון אויל און ווארעמקייט, דאונטאס מיט צוקער, מיט דזשעם, מיט טשאקאלאד. די קינדער האבן געשפרונגען ארום דעם באליבטן פעטער, און די ערוואקסענע האבן געשמייכלט, דאס איז געווען א אמת'ער חנוכה מאמענט.

נאכדעם וואס אלע זענען געווארן זאט, האבן זיך אלע קינדער פון ניין ביז דרייצן יאר ארומגעזאמלט ארום זיידען. דער זיידע האט ארויסגענומען א זעקל פול מיט דריידלעך, ארויסגענומען א פשוט'ע דריידל, און פון זיין קעשענע, א בינטל מיט ניקלעך. אין די פריערדיגע יארן פלעגט ער ברענגען פענים, אבער היינטיגע צייטן מאכט מען שוין נישט קיין פענים; ניקלעך ארבעטן פונקט אזוי גוט.

איינער האט געדרייט א גימל, א צווייטער האט באקומען א שין, און נאך איינער האט געלאנדעט אויפן הא. און אנשטאט מחלוקת – איז געווען חן און טעם. די צופרידנקייט וואס האט זיך אראפגעלאזט אויף זיי יענעם אוונט האט געמאכט יעדן איינעם מיטפרייען זיך מיט זיין חבר. איינעמ'ס "גימל" איז געווען א שמחה פאר אלעמען, און א צווייטנ'ס פארלוסט איז געווען ווי א זיסע בענקשאפט, אזוי ווי די גאנצע שפיל איז געווען נאר וועגן זיין צוזאמען מיט'ן זיידען.

ארום האלב נאך ניין, האט נאך אן אניקעל – א מלמד אין חדר – ארויסגענומען א סלייד פראדזשעקטאר, א מאשין וואס ער האט אמאל געוויזן פאר זיינע תלמידים. מען האט פארטונקלט די שטוב, און בילדער האבן זיך באוויזן אויפן גרויסן וואנט: משפחה פיקטשערס ביי שמחות, ביי חתונות. "אוי! דאס איז מיין בר מצוה! דאס איז יולי אין פארק! קוק, דאס איז מיין ברודער! שמעון, וואו ביסטו? זעסטו זיך אויפן בילד?"

דערנאך האבן זיי געזען בילדער פון קינדער וואס לערנען מיט זייערע טאטעס אין 'אבות ובנים', אין פארשידענע בתי מדרשים איבער דער וועלט. דא, א קינד מיט זיין טאטע לערנט בבא בתרא; דארט, אן אייניקל וואס האלט א חומש נעבן זיין זיידע; ערגעץ אין די אנדערע עק וועלט – א העל באלויכטענער בית מדרש; אויפן צווייטן – א קליין טישל אין א ווינקל. יעדער סלייד איז געווען ווי א טיפער אטעם, ווי צו זאגן: דא איז די קייט פון דורות, און דא ביסטו – נאך א רינגל.

דער זיידע האט שטיל געקוקט אויף די בילדער, זיין הארץ פול. די אייניקלעך האבן געקוקט אויף אים, און ער האט געקוקט אויף די

קינדער אויפן וואנט, און א דינער, שטילער באנד האט זיי פארבינדן – א באנד אן ווערטער, נאר דער חן פון משפחה.

דער אווענט האט זיך געצויגן ווייטער. די פרוויען האבן ממשיך געווען אין זייער צימער. די בחורים זענען געזעסן אין זייער ווינקל, טייל האבן הנאה געהאט פון די ספרים וואס זיי האבן באקומען, ווען איינער פון די פעטערס האט געצויגן גורלות פאר זיי. טייל מיט א דזאנט און א שמייכל. די קליינע זענען געלאפן צווישן די צימערן; עס איז געווען א טומל, אבער שמחה און משפחה'דיגע נחת האט אלעס איבערגעדעקט.

עס איז שוין געווען שפעט. דער זייגער האט געוויזן א פערטל נאך צען, און מענטשן האבן אנגעהויבן זוכן מאנטלען, מ'סדר זיין די קינדער וואס שלאפן אויפ'ן קויטש, אפצורוימען ברעקלעך פון העמדער. די לופט איז נאך געווען פול מיט די לאטקעס ריח. דער זיידע איז נאך אלץ געזעסן אין זיין בענקל, ווי ער האלט אן דעם אווענט אז עס זאל זיך נישט ענדיגן צו שנעל.

און פלוצלונג – אזוי ווי ער וואלט זיך אויפגעוועקט פון א זכרון – איז ער שטייט אויפגעשטאנען און געזאגט: "א קליין דריידל איז גוט, א פאר דאנוטס איז אויך אודאי גוט... אבער, קינדערלעך – איך האב עפעס אנדערש פאר אייך". ער איז אריינגעגאנגען אין זיין אינערליכן צימער, געעפנט דעם אלטן לעידל, און ארויסגענומען א דינע בלעכענע פושקע, די סארט וואס ער האט שוין געהאט פאר צענדליגער יארן. אינעווייניג – א שיין איינגעארדנטע סטעק פון באנק ענוועלופס, יעדע מיט א נאמען אויפגעשריבן מיט א קלארע האנטשריפט. עס איז האט זיך געשפירט – ווי צעטלעך וואס זענען איינגעפאקט פונעם הארץ אליין.

די באבע האט געשמייכלט. זי האט געוואוסט: ער האט זיך צוגעגרייט צו דעם פאר צוויי חדשים. ער איז דורכגעגאנגען ליסטע נאך ליסטע צו מאכן זיכער אז ער האט נישט פארגעסן קיינער פון די אייניקלעך. א שטיק צייט צוריק איז ער שוין געגאנגען צום באנק, אויסגעבעטן נייע דולארן, אלעס איינגעארדנט לויט די משפחה, לויטן עלטער. "מען דארף וויסן ווער איז ווער," פלעגט ער זאגן, "און ווער דארף וואס – אבער דער עיקר איז אז עס קומט פון א ריין הארץ."

ער האט געבעטן אלע קליינע אייניקלעך צו קומען נענטער. זיי זענען טאקע צוגעלאפן, מיד-פריילך, מיט אביסל צוקער אויף זייערע פנימ'ער. און פאר יעדן קליינעם קינד – האט ער געגעבן א קאנווערט מיט צוואנציג דאלער. און ער האט אריינגעלייגט אין זייערע הענט נישט נאר געלט – נאר א שטילע ברכה, א האפענונג צום אייבירשטן אז זיי וועלן אויפוואקסן ערליך מיט מזל.

דערנאך האט ער גערופן די עלטערע בחורים און מיידלעך – פערצן, פופצן, זעכצן יאר אלט – און געגעבן זיי אן ענוועלאפ מיט פופציג דאלער. "איר זענט שוין עלטער," האט ער געזאגט, "א ביסל מער פאר א ביסל מער לעבן." און צום סוף – די חתונה געהאטע זין. יעדער האט באקומען הונדערט דאלער. אן קיין צערעמאניעס, אן קיין גרויסע דרשות. נאר א פעסטע האנט און א שעפטשע: "זייט געזונט, זאל איך גיין גרינג, און איר זאלט האבן א פלאץ אין הארצן – איינער פאר'ן צווייטן."

עס האט נישט אויסגעפעלט קיינע דרשות, נאר א קורצע שטילקייט – די שטילקייט פון א היים. עס איז געווען חן דערין. דער חן פון א מענטש וואס גרייט זיך אן חדשים פאראויס נאר צו געבן מיט א פול הארץ. דער חן פון א משפחה וואס שטייט ארום, און זעט נישט נאר די סכומים – נאר די ליבשאפט צווישן זיי. און דער אווענט, וואס איז שוין ביז אהין געווען גאר שיין, האט יעצט צובאקומען א ניגון. א ניגון פון ריינע שמחה, וואס מען קען נישט קויפן ערגעץ וואו.

האלב נאך צען, זענען אלע נאך געווען דארט. איינער האט דערציילט מעשיות, א צווייטער האט געלאכט, און נאך איינער האט געכאפט נאך א לאטקע צו פארלענגערן דעם געשמאק. ארום עלעף האט מען אנגעהויבן זיך געזעגענען. יעדע משפחה האט געמורמלט "א גוטן" צו באבע און זיידע. די קינדער האבן זיך געשלעפט צום קאר, איינגעשלאפן אויפן וועג אהיים, און די ערוואקסענע האבן געוואוסט אז עפעס איז געווען אין דעם נאכט וואס פאסירט נישט יעדן טאג.

ווען די לעצטע טיר האט זיך פארמאכט, האט דער זיידע געזאגט צו דער באבע: "אה, דאס איז געווען טאקע ספעציעל! דער חן פון חנוכה! צו ס'איז דא א מצוה צו מאכן א חנוכה סעודה, צו נישט, אבער דאס חן וואס קומט אריין אין די משפחה, דאס קען קיין שום מצוה נישט ברענגען. דאס איז די חן פון חנוכה. דער זיידע האט פלאץ פאר אלעמען, און יעדער באקומט א פלאץ ביים צווייטן אין הארץ, דאס ברענגט אריין די זיסע טעם פון השראת השכינה".

די באבע האט צוגעשמייכלט, אויסלעשענדיג די לייטס אין הויז. די גרויסע שטוב איז געשטאנען שטיל – פול מיט יענע אומבאשרייבליכע געפילן וואס מען קען נישט אריינשרייבן אינעם נאטיץ-ביכל, אבער יעדער שפירט עס.


## קול הלשון פרטי – הרב שלום לאנגסאם 1605-313-6803

– **אויף אידיש 1**, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, נפש (נפש, חיזוק, חינוך, שלום בית) 3, פרשת השבוע 4, חומש רש"י 5, משנה וגמרא 6, הלכה 7, מוסר וחסידות 8, אינטערסאנטע טאפיקס (חכמת התורה, חכמת העולם) 9, שבת 10, מועדים 11, שיעורים 12 | **נ"ך 2** – שיעורים על רוב תנ"ך

אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: shalomlangs@gmail.com או לשלוח הודעה: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516